**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2024/18/12 **גאווערנער קעטי האקול**

**מער זיכערע גאסן און סובוועיס: גאווארנער האקול, MTA און געזעץ אינפארסירונג אפישלס געבן אן אפדעיט איבער האלטן ניו יארקערס פארזיכערט אויף די סובוועי פאר די האלידעיס**

***נאך 250 ניו יארק נאציאנאלע גאורד מיטגלידער איינגעשטעלט אין ניו יארק סיטי צו העלפן זיכערהייט***

***די גאווארנער הייבט אינסטאלירונג פון סעקיוריטי קאמערעס אין יעדע סובוועי קאר, 100 פראצענט פארענדיגט מיט איבער 15,000 קאמערעס אינסטאלירט***

***דאס בויט אויף די גאווארנער'ס שטארקע פינף פונקטן סובוועי זיכערהייט פלאן אריינרעכנענדיג אינוועסטירונג אין גייסטישע געזונט אוטריטש טיעמס***

***זינט יאנואר 2021, איז סובוועי פארברעכן אראפ מיט 42 פראצענט און רייזע-שאפט איז געשטיגן מיט 148 פראצענט***

פאר די האלידעיס, האט גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט געמאלדן פאר ניו יארקערס צוזאמען מיט מעטראפאליטאן טראנספארטאציע אטאריטעט ( Metropolitan Transportation Authority), MTA CEO Janno Lieber (דשענא לעיבער) און געזעץ אינפארסירונג אפישלס אויף אנגייענדע באמיאונגען צו פארמערן זיכערהייט אין די סובוועי סיסטעם פאר אלע רייזנדער. זינט מעלדן א שטארקע פינף פונקטן סובוועי זיכערהייט פלאן אין מערץ פון דעם יאר, איז פארברעכן אין די ניו יארק סיטי טראנזיט סיסטעם געפאלן מיט 10 פראצענט. זינט יאנואר 2021, איז סובוועי פארברעכן אראפ מיט 42 פראצענט בשעת רייזע-שאפט אין דעם סיסטעם איז געשטיגן מיט 148 פראצענט. אלס טייל פון די אנגייענדע באמיאונג צו מאכן די סובוועי סיסטעם מער פארזיכערט פאר רייזנדער, האט גאווארנער Hochul (האקול) אנגעוויזן אז נאך 250 מיטגלידער פון די ניו יארק נאציאנאלע גאורד זאלן ווערן איינגעשטעלט צו Joint Task Force - Empire Shield (JTF-ES). די גאווארנער האט אויך געמאלדן אז די MTA האט איינגעשטעלט 15,396 סעקיוריטי קאמערעס וועלכע זענען יעצט אנווענדנד אין 100 פראצענט פון אלע סובוועי קארס.

"פריער דעם יאר, האב איך צוגעזאגט צו מאכן אונזערע סובוועיס מער פארזיכערט פאר די מיליאנען מענטשן וואס נעמען די באנען יעדן טאג, און היינט גייען מיר ווייטער אן מיט די באמיאונגען דורך לייגן מער נאציאנאלע גאורד מיטגלידער אויף די ערד און איינשטעלן סעקיוריטי קאמערעס אויף יעדע קאר," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך ארבעטן האנט-ביי-האנט מיט די NTA און ניו יארק סיטי, פארמינערן מיר פארברעכן, מאכנדיג עס מער פארזיכערט פאר אלע ריינזדער און צוריקשטעלן פאבליק געטרוישאפט אין די סיסטעם."

אין מערץ, האט גאווארנער Hochul (האקול) געמאלדן א פינף פונקטן פלאן וואס וועט נוצן סטעיט רעסאורסעס צו פארמערן פאסאנזשיר זיכערהייט אויף די סובוועי. די פלאן האט אריינגענומען די איינשטעלן נאך מיטגלידער פון די נאציאנאלע גאורד, פארשנעלערנדיג די MTA'ס אינסטאלאציע פון סעקיוריטי קאמערעס דורכאויס די סיסטעם, פארמערנדיג צוזאמענארבעט צווישן די סיטי און די סטעיט, און פארברייטערן גייסטישע געזונטהייט אוטריטש פראגראמען וועלכע נעמען אריין די נומער פון Subway Co-Response Outreach (SCOUT) teams און Safe Options Support (SOS) teams.

סובוועי רייזע-שאפט איז געשטיגן מיט פינף פראצענט אין 2024 אין פארגלייך צו 2023 און דערגרייכט ווייטער רעקארד לעוועלס - דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג, דעצעמבער 12, איז א איינצלנע-טאג נאך-פאנדעמיק רעקארד פון 4.5 מיליאן רייזנדער דערגרייכט געווארן. ווען רייזע-שאפט שטייגט ווייטער, זענען פארמערטע זיכערהייט מאסנאמען וויכטיג צו פארזיכערן די וואוילזיין און באשיצונג פון יעדע פאסאנזשיר וואס גייט אריין אין דעם סיסטעם. די MTA פאליציי דעפארטמענט ( MTA Police Department), ניו יארק פאליציי דעפארטמענט (New York Police Department NYPD) און די נאציאנאלע גאורד וועלן ארבעטן צוזאמען צו נאכקוקן די סיטי'ס פארנומענסטע סטאנציעס און פארמיידן זיכערהייט דראאונגען אין די סובוועיס. באשיצן די סובוועי סיסטעם און אירע פאסאנזשירס איז די איינציגסטע וועג צו האלטן ניו יארק זיך באוועגן.

אין צוגאב צו באשיצן פאסאנזשירן, האט די גאווארנער'ס פינף פונקטן פלאן געלייגט א שטארקע פונדאמענט צו פארבעסערן די זיכערהייט און באשיצונג פון טראנזיט ארבעטער לענגאויס ניו יארק סיטי. גאווארנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו פארזיכערן די זיכערהייט פון איבער 40,000 מיטגלידער פון TWU לאקאל 100 און אנדערע טראנזיט ארבעטער וואס האלטן אונזער סיטי אין באוועגונג.

**נאך נאציאנאלע גאורד מיטגלידער איינגעשטעלט צו די סיטי'ס פארנומענסטע סובוועי סטאנציעס**
גאווארנער Hochul (האקול) האט איינגעשטעלט נאך 250 ניו יארק נאציאנאלע גאורד מיטגלידער צו שטיצן זיכערהייט און באשיצונג אין ניו יארק סיטי דורך Joint Task Force - Empire Shield. Joint Task Force Empire Shield איז א טייל פון DMNA טיילווייז פאראנטווארטליך פאר די מיליטערישע פארטיידיגונג פון ניו יארק סיטי, הויפטזאכליך די אפהאלטן און פארמיידונג פון אינערליכע זיכערהייט דראאונגען. עס איז צאמגעשטעלט פון איינגעשטעלטע פון די ניו יארק ארמיי נאציאנאלע גאורד ( New York Army National Guard), די ניו יארק לופט נאציאנאלע גאורד ( New York Air National Guard), די ניו יארק גאורד (New York Guard) און די ניו יארק נעיוועל מיליציע ( New York Naval Militia).

**אינסטאלירונג פון סעקיוריטי קאמערעס אין יעדע קאר איז פארענדיגט**
מיט גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) באפעל, האט די MTA פארשנעלערט די אינסטאלירונג פון סעקיוריטי קאמערעס דורכאויס די סיסטעם - דאס נעמט אריין באנוצער געגנטער פון באנען צו באשיצן פאסאנזשירן און קאנדאקטער צימערן צו באשיצן MTA איינגעשטעלטע. די MTA האט אינסטאלירט סעקיוריטי קאמערעס אין אלע סובוועי קארס דורכאויס די סיסטעם.

**פארבעסערן צוזאמענארבעט צווישן די סיטי און די סטעיט איבער זיכערהייט מאסנאמען**
אלס טייל פון די פינף פונקטן פלאן, האט גאווארנער Hochul (האקול) צוגעזאגט אנצופאנגען רעגלמעסיגע זיצונגען צווישן סטעיקהאלדערס צו קאארדינירן אינפארמאציע טיילונג און פארזיכערן אז געפערליכע און ווידערהאלנדע פארברעכער אין די סיסטעם ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך. געזעץ אינפארסירונג, טראנזיט איינגעשטעלטע און פראקוראָרן האבן זיך רעגלמעסיג געטראפן צו מיטטיילן אינפארמאציע און ארבעטן צוזאמען צו האלטן פארברעכער פאראנטווארטליך. די באמיאונג האט געהאלטן

דיסטריקט אטארניס מיט זייער קעיס-ארבעט און מיטן האלטן ווילדע פארברעכער אינדרויסן פון די סובוועיס. די זיצונגען וועלן אנגיין אריין אין 2025 ווען די סטעיקהאלדערס ארבעטן צו האלטן אונזערע סובוועיס פארזיכערט פאר די מיליאנען מענטשן וואס נוצן רעגלמעסיג אונזער טראנזיט סיסטעם.

**פארברייטערט SCOUT און SOS פראגראם**
גייסטישע געזונטהייט איניציאטיוון זענען א וויכטיגע פאקוס צו גאווארנער Hochul (האקול) אלס א טייל פון די שטארקע פינף פונקטן פלאן צו פארמינערן פאארברעכן אין די סובוועי. גאווארנער Hochul (האקול) האט אוועקגעשטעלט און געשטיצט SCOUT און SOS טיעמס דורכאויס די סיסטעם אין אן אנשטערנגונג צו אדרעסירן די מערסט שווערע פעלער פון גייסטישע געזונטהייט קריזיס וואס געשעט אינערהאלב סובוועי סטאנציעס. אין מערץ, האט גאווארנער Hochul (האקול)אנגעוויזן 20 מיליאן דאלאר צו דערהייבן די SCOUT טיעם פילאט פראגראם - און ברענגען די טאטאלע נומער פון שנעלע אפרוף SCOUT טיעמס צו 10 ביז די ענדע פון 2025. די באמיאונג בלייבט אויפן וועג.

**MTA טשעיר און CEO Janno Lieber (דשענא ליעבער) האט געזאגט,** "א דאנק אונזער שטארקע צוזאמענארבעט מיט גאווארנער Hochul (האקול) און מעיאר Adams (עדעמס), ארבעטן מיר צו פארזיכערן אז די טראנזיט סיסטעם איז נישט נאר פארזיכערט נאר פילט זיך אויף פארזיכערט פאר ניו יארקערס. די רעזולטאטן זאלן ערלויבן ניו יארקערס צו האבן צוטרוי די האלידעי סעזאן ווען מיר טוען ווייטער געבן אויסגעצייכנטע סערוויס - און מער סערוויס - אויף די סובוועיס און רייזנדער רעילראודס."

**עדשאנקט גענעראל פון די ניו יארק נאצעניאלע גארד גרויסע גענעראל Ray Shields (רעי שילדס) האט געזאגט,** "די מענער און פרויען פון די ניו יארק נאצעניאלע גארד זענען שטאלץ צו שטיצן גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) באמיאונגען צו פארזיכערן די זיכערהייט פון אונזערע ניו יארקערס. מיר זענען שטאלץ צו ארבעטן מיט די MTA, די ניו יארק סטעיט פאליציי און די ניו יארק פאליציי דעפארטמענט און אונזערע אנדערע געזעץ אינפארסירונג פארטנערס צו מאכן די טראנזיט סיסטעם מער פארזיכערט."

**TWU לאקאל 100 פרעזידענט Richard Davis (ריטשארד דעוויס) האט געזאגט,** "טראנזיט ארבעטער פארשטייען בעסער ווי סיי ווער די וויכטיגקייט פון א זיכערע און פארזיכערטע ארבעט אומגעבונג. גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) איבערגעגעבנקייט - פון פארמערן זיכערהייט איינגעשטעלטע צו פארזיכערן אז יעדע סובוועי קאר איז אויסגעשטאטעט מיט קאמערעס - שיקט א שטארקע מעסעדש אז יעדער וואס קומט אריין אין אונזער טראנזיט סיסטעם קען זיך פילן באשיצט. מיר קוקן ארויס צו ווייטער ארבעטן מיט די גאווארנער, די MTA און געזעץ אינפארסירונג אונז אלעמען צו געבן די רואיגקייט וואס קומט זיך אונז."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן